קרן תוספות יום טוב
גליון שס"ט
פ' חיי שרה תשפ"ה לפ"ק

מרומם זיין עבודת התפלה וקדושת ביהמ"ד מיט די "הייליגע קבלה" נישט צו רעדן ביים דאווענען

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

# "איך בין נאָכנישט פאַרטיג... דער צינור הישועות האט זיך ב"ה ברייט צעעפנט, אין א ריכטיגע בחינה פון 'תוספות' יום טוב..."

**פאלגנד** איז א בריוו וואס מיר האבן ערהאלטן פון אַ חשוב'ער איד פון לאנדאן, וואָס טיילט מיט זיין פערזענליכע געשיכטע, וואס ער האט געהאט ביים ציון הקדוש פונעם הייליגן תוספות יום טוב, ביי די הילולא קדישא דעם פארלאפענעם יאר.

*

איך וויל מיט די דאזיגע שורות אפגעבן 'ברבים' א שבח והודאה פאר השי"ת, אויף די גרויסע ישועה צו וואס איך האב זוכה געווען, נאכן האבן די זכי' פוקד צו זיין דעם ציון הק' פונעם הייליגן תוספות יו"ט זי"ע אין דער שטאט קראקא, יעצט ביי דער פארלאפענער הילולא קדישא, ו' אלול תשפ"ד.

איך וועל אייך דערציילן גענוי וויאזוי די מעשה איז צוגעגאנגען, מיט די דאַטומען, און איך וויל אייך בעטן איר זאָלט עס אַריינשטעלן אינעם גליון, אַז ס'זאָל זיין אַ בחינה פון 'אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו'.

די מעשה איז געווען אַזוי.

דער יארצייט פונעם תוספות יום טוב איז געווען מאנטאג פר' כי תצא. איך האב געהאט די זכי', אינאיינעם מיט די גרויסע עדה הקדושה חסידים ואנשי מעשה, וועלכע זענען געקומען צו פארן, צו שטיין דאָרט ביים מעמד 'בקשת רחמים', וואס איז געווארן אהערגעשטעלט דורכן 'קרן תוספות יו"ט', און מיר האָבן אינאיינעם מתפלל געווען און איינגעריסן על קברו של צדיק, און מעתיר געווען לדבר ישועה ורחמים.

בלויז איין טאג דערויף, דעם אנדערן פרימאָרגן, ערהאלט איך א טעלעפאן רוף פון איינעם וואס איז מיר שולדיג א גרויס פארמעגן געלט, אויף וואס איך קוק שוין זייער לאנג ארויס צו באקומען באצאלט. ס'איז מיר א פלא: "ער זאל מיך רופן"?! וואס וויל ער?

איך הייב אויף דעם טעלעפאן, און וואונדער איבער וואונדער, ער מעלדט מיר איין אזוי אומגעראכטן, אז ער באצאלט מיר דעם גאנצן חוב!

קוים וואס איך האב געהאט צייט זיך צו אריענטירן, און צו זיך קומען פון די וואונדערליכע פריעת חוב. בלויז צוויי שעה דערויף, און דער טעלעפאן קלינגט ווידעראמאל. - איך זאג אייך נישט קיין גוזמא. עס איז געווען א טעלעפאן רוף אויף וואס איך האב געווארט שוין גאנצע פיר חדשים!!!

יענער האט געהאט געבארגט געלט פון מיר. דער יום הפרעון איז געווען פיר חדשים צוריק, און שוין צענדליגער וואָכן וואָס איך וואַרט און וואַרט צו באקומען באצאלט דעם חוב פון יענעם.

וואס איז? וואס רופט ער? - ער וויל זיך אנטשולדיגן אז ער האט געשלעפט ביז אהער, און ער וויל יעצט אויסשטעלן מיט מיר א 'פעימענט פלען', צו באצאלן ביסלעכווייז די גאנצע ריזיגע סומע פונעם חוב וואס ער קומט מיר!

איך בין געווען ממש פאַרוואונדערט. אַזעלכע אָפענע זאַכן?! קוים דעם קומענדיגן טאג. נאכן זיך אויסבעטן ביים הייליגן ציון, נאָכן אַראָפּלייגן די קבלה דאָרט, און שוין זאָל מען זען אַזעלכע ישועות?!

אָבער, אידן טייערע, איך בין נאָכנישט פאַרטיג...

דער צינור הישועות האט זיך ב"ה ברייט צעעפנט, און ווי די וועלט זאגט אז 'עס

המשך אויף עמוד ב'

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

וַיֹּאמֶר דַּבֵּר – וַיֹּאמַר עֶבֶד אַבְרָהָם אָנֹכִי.

**עס** ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע (או"ח סי' פט), אז מ'טאר נישט עסן פארן דאווענען. דאס קען זיין פשט אין פסוק, **ויישם לפניו לאכול**, מען האט געברענגט פאר אליעזר צו עסן, **ויאמר, לא אוכל עד אם דברתי**, איך קען נישט עסן איידער איך דאווען. **ויאמר דבר**, האט אים לבן געזאגט 'גיי כאפ אפ א דאווענען וועסטו קענען עסן'.

דערויף האט אליעזר געענטפערט, **עבד אברהם אנכי!** איך קום פון אברהם אבינו'ס הויז, און דארטן האב איך צוגעזען וויאזוי אן ערליכער איד דארף זיך שטעלן דאווענען, דורך זיך צוגרייטן צום דאווענען מיט א הכנה דרבה, און דאן דאווענען רואיג און געלאסן.

(פניני ילקוט הגרשוני)

## סוֹד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הרה"ק רבי דוד שלמה אייבשיץ זצ"ל
בעמח"ס ערבי נחל ולבו"ש – כ"ב חשון תקע"ד

הַמְדַבֵּר בְּבֵית הַכְּנֶסֶת בּוֹרֵא מִכָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר מַשְׁחִית... וְהוּא דִמְיוֹן מַעֲמִיד צֶלֶם בַּהֵיכָל ח"ו, לָכֵן מְאוֹד צָרִיךְ לִפְרוֹשׁ מִזֶּה... וּכְשֶׁצָּרִיךְ לוֹ מְאֹד לְדַבֵּר דָּבָר הִנֵּה לֹא רָחוֹק מֵאִתּוֹ פֶּתַח בֵּית הַכְּנֶסֶת וְיֵצֵא וִידַבֵּר אֶת דְּבָרָיו.

(ערבי נחל כי תצא)

## נֹעַם שִׂיחַ

דבר המערכת • הרב ב. צ. הירש

# ויצא יצחק לשוח בשדה

א איך דערציילט (בגליון 'השגחה פרטית'): איך וואוין אין ניו יארק, און מיינע עלטערן וואוינען אין לאנדאן. ס'איז געווען אמאל ווען איך האב גענומען מיין משפחה אויף א נסיעה צו מיינע עלטערן, איך בין דורך אסאך שוועריגקייטן אין עירפארט, און ס'איז נישט געווען מעגליך צו דאווענען מנחה פריער. ס'איז געווען א קורצע ווינטער טאג, האב איך מיך תיכף ביים ארויפקומען אויפן עראפלאן זיך געשטעלט דאווענען מנחה.

איך האב קוים אנגעהויבן שמו"ע, און איך הער אז מ'רופט אויס אין די הויכהילכער אז אזויווי די פליגער איז איבערגעפילט, איז ווער עס איז מסכים אראפצוגיין, און באקומען א טיקעט אויף מארגן מיט א פארגיטיגונג פון טויזנט דאלער, זאל זיך קומען מעלדן.

מיר איז דעמאלס דורכגעלאפן א מחשבה, איך בין דאך גאר ווייט פון אן עושר, ס'איז א גאלדענע געלעגנהייט. מיר זענען דא פינף נפשות, איך קען דאך שיין פארדינען אויפן געשעפט. אפשר זאל איך געבן א ווייז מיט די האנט אז איך בין גרייט...

איך האב אבער תיכף אוועקגעשטופט דער מחשבה: חס ושלום! איך האלט דאך אינמיטן דאווענען צום באשעפער, און ס'איז אסור להלכה.

דער בעל דבר האט אבער נישט נאכגעלאזט, ער איז תיכף געקומען מיט א פשעטל: דו קענסט דאך שוין יעצט ממילא נישט געהעריג אינזין האבן, זיי מיקל, געב א ווינק, און אז זיי וועלן זען אז דו ביסט גרייט, וועסטו שוין קענען דאווענען מיט מער ישוב הדעת.

איך האב אבער אוועקגעשטופט דער מחשבה, ווייל אין שלחן ערוך ווערט גע'פסק'נט, אז אפילו מלך שואל בשלומו טאר מען נישט מפסיק זיין, און ס'איז נישט דא קיינע פשרות. איך האב זיך געשטארקט, און פרובירט מיט אלע כוחות ווייטער צו דאווענען מיט כוונה.

נאכמער, איך האב אפגעמאכט, אז איך גיי ניטאמאל דאווענען שנעלער, אז ס'איז באשערט וועט עס קומען צו מיר, און איך האב טאקע פרובירט ווי ווייט מעגליך צו דאווענען געלאסן און מיט כוונה.

א רגע נאכן אויסטרעטן שמו"ע קומט א פרישע מודעה: 'וויבאלד קיינער רופט זיך נישט אן, האבן זיי געהעכערט די פרייז צו 2,500 דאלער פער מענטש. ביי מיר האט עס געמיינט 12,500 דאלער!

איך בין צוגעגאנגען זיך מעלדן, און זיי האבן זיך זייער געפריידט צו מיין פארשלאג. שפעטער האב איך געמאכט א חשבון אז $5,000 איז געווען פארן טוישן די טיקעט און ווארטן נאך א טאג, און די איבריגע $7,500 איז געווען פארן זיך מתגבר זיין און דאווענען מנחה מיט ישוב הדעת.

*

**יעצט** אין די קורצע ווינטער טעג דארף דער מנחה גאר אסאך חיזוק, ס'זענען דא אידן וואס דארפן ממש רייסן שטיקער פון זיך צו קענען אנקומען אין שול, און זיך שטעלן דאווענען מנחה מיט מנין.

דער אמת איז, אז ברענגען דעם גוף אין שול איז גאר חשוב, און אודאי ווען מ'קען קומען אנגעטון ווי ס'פאסט זיך בשעת'ן רעדן צום מלך מלכי המלכים. אבער אסאך מער פון דעם איז, ווען מ'קען אויך מיטברענגען די מחשבה, און דאווענען מיט ישוב הדעת, אזא מנחה איז דער שכר פי כמה, און מ'קען ביי דעם פועל'ן גאר אסאך!

מ'זעט ווי ווייט חז"ל האבן מחמיר געווען ביי תפילה: די הלכה איז, אז מ'דארף דאווענען שמו"ע מיט פארמאכטע אויגן אדער ארייננקוקן אין סידור, און דאך האבן חז"ל געמאכט א תקנה אז מ'טאר נישט דורכגיין אין די ד' אמות פון א מתפלל, כדי נישט צו שטערן זיין מחשבה. איי ער דאווענט דאך מיט פארמאכטע אויגן, און ער זעט גארנישט? דאך האבן חז"ל געהאלטן אז כדי צו קענען דאווענען בהתפשטות הגשמיות, זאל מען גאנצע אכט פיס נישט דורכגיין (אפילו פון דער זייט!).

על פי הלכה טאר מען נישט דאווענען נעבן א טיר, ווייל עס זעט אויס אז דער גאנצער תפילה איז לעול ולמשא, אפילו דאווענען אין א פּאָליש איז נישט אזוי פשוט. ס'איז זיכער אז ווען מ'דאווענט אויף א רואיגע מקום, איז עס אסאך מער מסוגל צו קענען מכוון זיין כראוי.

חז"ל זאגן אז תפילה איז אן עבודה שבלב, יעדער ווייסט ווי שווער ס'איז צו קענען דאווענען א גאנצע שמו"ע בכוונת הלב, אבער אויב דער גוף איז בכלל נישט מיושב, ער האלט נאך אינמיטן לויפן, און מ'כאפט זיך אריין צום מנין, איז כמעט אוממעגליך אז מ'זאל האבן די מחשבה כדבעי. מ'דארף אויסשטעלן דעם לכתחילה'דיגן סדר אנצוקומען צו א תפילה א מינוט-צוויי פריער.

געווענליך מאכט מען דער חשבון וויפיל צייט מ'דארף האבן צו קענען דאווענען כראוי, ס'איז זיכער בעסער אז מ'קען צולייגן 2-3 מינוט, מ'קען דאך נישט ארויסרעכענען יעדע רויט-לייט, און ווי שנעל ער וועט טרעפן א פארקינג, אז מ'לייגט צו 2-3 מינוט איז מען זיכער.

*

**'מנחה'** איז מלשון 'מתנה', א געשאנק קען מען לייגן אויפן טיש און אנטלויפן, אדער קען מען עס פרעזענטירן מיט א שיינעם אויסשטעל, און עס באקומט מער פון טאפלט חשיבות, ווען מ'וויל געבן א 'מנחה' פארן מלך מלכי המלכים, פאסט זיך אודאי אז עס זאל געגעבן ווערן ברוב פאר והדר!

יעדער איז זיכער מודה צו דעם אלעם, און ס'איז נאר מחמת הרגל, מיר קומען אין שול דריי מאל א טאג, 365 טעג אין יאר, והרגל נעשה טבע, אבער א 'חסיד' וואס טוט לפנים משורת הדין, וויל טון דער רצון ה' מיט א הידור מצוה.

אויב דער צוגאנג צו א דאווענען איז, אז מ'האט א פגישה מיטן באשעפער, און מ'גייט זיך פערזענליך דורכרעדן מיט אים אלע צרכים ברוחניות ובגשמיות, שטעלט מען אויס דער גאנצער צורה, אפילו פון א וואכנדיגע מנחה, אויפן מהלך פון אן 'אפוינטמענט' כביכול. צו קומען בזמן, אמירת קרבנות ביישוב הדעת, קביעות מקום וכו'.

אלזא לאמיר טאקע יעצט אין די וואכן ווען ס'איז נישט לייכט זיך מחזק זיין צו קומען א מינוט-צוויי פריער, און דורכדעם זוכה זיין אז אונזערע תפילות וועלן געענטפערט ווערן כאליהו שנענה בתפילת המנחה.

## הוא מושיענו

המשך פון עמוד א'

רעגנט גיסט', אין א ריכטיגע בחינה פון 'תוספות' יום טוב, האט זיך די זאך נאך שענער און בעסער ארויסגעשטעלט!

עס גייט נישט פאראיבער מער ווי א פרישע דריי שעה, איך בין שוין געווען צוריק אינדערהיים פון דער נסיעה. איך גיי אויף דער גאס, קומט מיר אנטקעגן א חבר מיינער, מיט וועמען איך בין א שותף אין א געוויסער פראפערטי אינוועסטמענט, וואס מיר האבן אנגעהויבן טון דערין ארום 20 חדשים צוריק. מיר האבן דארט אינוועסטירט אסטראנאמישע געלטער, מיט א פענע-און-פאפיר פלאן צו אנהייבן צוריקזען דאס געלט, און זען גרויסע רווחים אנגעהויבן פון פיר חדשים נאכן שליסן מקח.

למעשה, עס איז שוין אריבער 20 חדשים זינט איך האָב איינגעשטעקט דאָס געלט, און קיין איין רויטע פעני נאָכנישט געזען אויף צוריק! אפגערעדט פון רווחים, נאר אפילו פשוט דאס געלט וואס מ'האט אינוועסטירט, זעט מען דערווייל נישט צוריק!

מיר האבן אלעס געטון ריכטיג, אָבער די לאקאלע אינסטאנצן פון די רעגירונג האָבן זיך אויף אונז פארלייגט, מיט א טוץ זינלאזע ביוראקראטישע פאדערונגען און לעגאליטעטן וואס מיר דארפן אלץ נאכקומען אנבאלאנגט דעם אינוועסטמענט. און מיר האָבן זיך פשוט נישט געקענט געגוג אַן עצה צו געבן נאָכצוקומען זייערע פאַרלאַנגען.

פארשטייט זיך, אז כל זמן מ'האט נישט גענדיגט נאכקומען זייערע פארמאליטעטן, האבן זיי נישט ארויסגעגעבן קיין פערמיטן פאר דעם פראיעקט, און מיר זענען דא געבליבן שטעקן מיט א ריזיגן אינוועסטמענט על קרן הצבי!

המשך אויף עמוד ח'

# 'לכה דודי לקראת שבת'

## ווער איז די 'כלה'?

**שבת** קודש ווערט אנגערופן 'כלה' שוין אין די ווערטער פון די **גמרא.** אין מס' שבת (קיט.) איז דער לשון: **רבי חנינא מיעטף וקאי אפניא דמעלי שבתא אמר: בואו ונצא לקראת שבת המלכה. רבי ינאי לביש מאניה מעלי שבת ואמר: בואי כלה בואי כלה.** אין מס' בבא קמא (לב:) איז דער לשון הגמרא: **דאמר ר' חנינא: בואו ונצא לקראת כלה מלכתא, ואמרי לה לקראת שבת כלה מלכתא, רבי ינאי מתעטף וקאי ואמר בואי כלה בואי כלה.**

דער **מהרש"א** אין בבא קמא איז מסביר לויטן באקאנטן מאמר חז"ל, אז דער שבת קודש האט זיך באקלאגט פארן אויבערשטן: **'לכולם יש בן זוג ולי לא נתת בן זוג'** - אלע טעג פון די וואך האבן א פּאָר; זונטאג גייט צוזאמען מיט מאנטאג, דינסטאג מיט מיטוואך, דאנערשטאג מיט פרייטאג, אבער שבת קודש שטייט אליינס אן קיין בן זוג. האט דער באשעפער געענטפערט: **'כנסת ישראל יהיה בן זוגך'** - כלל ישראל וועט זיין דיין בן זוג!

איז דער **מהרש"א** ממשיך: באמת איז דער שבת אליינס ווי א נשואה צו כלל ישראל, אבער ערב שבת קודש ווען דער שבת קומט צו גיין איז זי נאך ווי א כלה וואס מ'ברענגט יעצט אריין לחופה. און פונקט ווי ביי א חופה איז דער מאן מקדש די פרוי און אזוי ווערט זי א נשואה, אזוי אויך מאכן אידן קידוש און דערמיט ווערט עס ווי א נישואין. און וויבאלד אידישע קינדער זענען בני מלכים איז דאך די כלה א מלכה.

דערמיט איז דער מהרש"א מסביר דעם חילוק צווישן דעם לשון פון רבי חנינא און רבי ינאי. רבי חנינא האט געזאגט **אפניא דמעלי שבתא**, ערב שבת קודש ווען די שבת קומט צו גיין, **'בואו ונצא לקראת שבת המלכה'** - לאמיר ארויסגיין און איר קעגנגיין, ווייל דער מנהג איז אז א חתן גייט ארויס צו מקבל זיין די כלה ביי דער חופה.

אבער רבי ינאי האט געזאגט **'בואו כלה בואו כלה'**, שוין נאך וואס די שבת איז אריינגעקומען, דעריבער איז ער נישט ארויסגעגאנגען נאר איז געשטאנען אויף איין פלאץ, און איינגעלאנדט די כלה צו זיך, ווייל נאך די חופה קומט די כלה אריבער מבית אביה לבית בעלה. וועגן דעם האט ער געדאפלט און געזאגט 'בואו כלה בואו כלה', איינמאל אז זי זאל קומען צו דער חופה, און א צווייטע מאל אז זי זאל קומען לבית בעלה.

דער **שו"ת הלק"ט** (מהר"ם חגיז, סימן נב) שרייבט לפי זה, אז מ'זאל מהדר זיין צו זאגן קבלת שבת מיט מנין, ווייל ברכת חתנים דארף זיין בעשרה, און קבלת שבת איז אן ענין פון א חופה צווישן כנסת ישראל און דעם שבת קודש.

*

## יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה

**דער יסוד ושורש העבודה** אינעם ביאור פון לכה דודי שרייבט אן אנדערן פשט לויטן זוהר הק', אז 'דודי' גייט ארויף אויף הקב"ה און 'כלה' אויף די שכינה הק'. א גאנצע וואך איז די שכינה בתחתונים, און שבת קודש גייט זי ארויף, און איז זיך מייחד מיט קוב"ה צוליב דעם קדושת השבת, און מיר רופן אויס צוליב דעם: 'פני שבת נקבלה' - אויך מיר, אידישע קינדער, ווען ארויסגיין און מקבל זיין דעם שבת המלכה וואס איז די שכינה הקדושה.

פאלגנד איז זיין הייליג, פלאקערדיג לשון (שער ח, פ"ב):

***ראיתי בספרים קצת פירושו וזהו: דודי הוא הקב"ה, ואנו מתפללים על קץ הפלאות שינחם לשכינה הנקראת כלה ויאמר אליה התנערי מעפר קומי כו' לא תבושי ולא תכלמי כו' ולפי שבשבת קודש מתרומם למעלה כמו לעתיד לכן אומרים לכה דודי בשבת ע"כ.***

***ואציגה נא עמך אנוש כערכי קיצור כוונה פשוטה וזה הוא:***

***לכה דודי זה הקב"ה, לקראת כלה היא השכינה הקדושה, והוא סוד קב"ה ושכינתיה. וכל ימות החול השכינה הקדושה בעולמות התחתונים בשבילנו, ועתה בשבת קדש עולה לעולמות העליונים בשביל קדושת שבת הרמה.***

***ואנו בניה הקדושים חיוב גדול עלינו לשמוח עמה בעלייתה שמחה עצומה ואנו אומרים: 'לכה דודי לקראת כלה' שהיא עולה עתה לעולמות העליונים 'נצא לקראתה לקבלה' וגם אנו בניה אומרים 'פני שבת נקבלה' שהיא השכינה הקדושה שנקראת ג"כ שבת כנזכר בזה"ק.***

***וראוי לאדם לשמוח במללו 'פני שבת נקבלה' שמחה עצומה עד שמרוב התשוקה והחדוה יקבל על עצמו מסירת נפש ודי בזה.***

*

## לאמיר אלע אינאיינעם זינגען פארן הייליגן שבת קודש!

**ב**יי א געלעגנהייט האט דער פריערדיגער **באבוב'ער רב - הרה"ק רבי שלמה זי"ע** מעורר געווען איבערן ענין פון מיטזינגען מיטן גאנצן ציבור ביי לכה דודי מיט די פאלגנדע, התרגשות'דיגע דיבורים:

"צומאל בשעת מען זינגט דעם פיוט 'לכה דודי' זענען דא אזעלכע וואס פטר'ן זיך פון זינגען, מיט דער טענה אז וויבאלד מען דאווענט נישט יעצט, נאר מ'זינגט, דארף מען נישט מיטזינגען. עס איז מיר א גרויסער וואונדער: מעג מען דען אנרופן די הייליגע עבודה פון זינגען ביי לכה דודי אז מען זינגט סתם ניגונים?!

"מען זעט דאך אין דער נוסח התפילה ווען מ'רעדט פון די שירת המלאכים זאגט מען: **'וכולם פותחים את פיהם בקדושה ובטהרה בשירה ובזמרה ומברכין ומשבחין ומפארין ומעריצין ומקדישין'**, און מען זאגט דארט: **'להקדיש ליוצרם בנחת רוח, קדושה כולם כאחד עונים באימה ואומרים ביראה'**. זעט מען דאך אז די עבודה פון זינגען פארן אויבערשטן איז א געוואלדיגע הייליגע און דערהויבענע עבודה, וואס די מלאכים טוען בקדושה ובטהרה באימה וביראה!

"ווען מען איז עוסק אין אזא הייליגע עבודה קען מען דען זאגן אז מ'זינגט סתם ניגונים? אדרבה! מען זינגט דאך אזעלכע הייליגע און טייערע ניגונים וואס איז פול מיט הייליגע הרגשים לכבוד שבת 'לכה דודי לקראת כלה!' **עס וואלט געדארפט זיין אז יעדער יחיד זאל זיך משתתף זיין מיטן גאנצן כח און זינגען פארן שבת מלכתא!**

"מען קען זען אין בית המדרש, דא/דארט, אז מ'קוקט אריין אין ספרים בשעת מ'זינגט לכה דודי. כאטש ס'איז בעסער ווי ח"ו ארומרעדן דעמאלס, אבער באמת אריין איז עס נישט קיין אויסגעהאלטענע זאך. **דער הייליגער קול פון די לעכטיגע לכה דודי'ס וואס אידן זינגען פרייטאג צונאכטס דערהייבט זיך פונעם בית המדרש און גייט ארויף אין הימל; פארוואס זאל זיך דיין קול נישט הערן אין דעם געזאנג?**

"אריינקוקן אין א ספר וועסטו א צווייטע מאל, אינדערהיים אדער אין בית המדרש ווען עס איז באשטימט צו לערנען, אבער נישט ווען מען זינגט לכה דודי!

"א איד מיט א ריין הארץ דארף האבן א געפיל מיטצוזינגען. מען דארף אריינטראכטן אז **בשעת מען זינגט שירות ותשבחות לכבוד שבת קודש איז א שעת הכושר צו מתפלל זיין אין דער מחשבה, און זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן באשעפער** אז עס זאל נשפע ווערן שפע רב מן השמים, חינא וחסדא, וחיי אריכא פאר זיך און פאר דער גאנצער משפחה" (גליון פרי הכרם, גליון ט).

הגה"צ רבי **אהרן קאהן** זצ"ל, אב"ד דברי אמונה

# חיזוק און הדרכה אין עבודת התפילה (ב)

## נישט מזלזל זיין אינעם 'סדר התפילה'

**נאך** אן ענין אין וואס מענטשן זענען מזלזל ביים דאווענען, איז אינעם 'סדר התפילה', אז מען איז נישט מקפיד צו דאווענען אויפן סדר פון אנהייב ביזן סוף, אנגעהויבן פון אדון עולם און ברכות; נישט אויסלאזן די פרשת העקידה, און אזוי ווייטער.

אין **זוהר הק'** און אין די ספרים הק' זענען דא געוואלדיגע כוונות אינעם ענין פון זאגן די עקידה יעדן טאג, ווי אויך די קרבנות און די פרשת הקטורת. מיר האבן נישט קיין השגה וויפיל דער מענטש קען מקבל זיין און ממשיך זיין אויף זיך דורכן זאגן די פרשיות.

צוליב חסרון ידיעה און התבוננות איז מען מזלזל אין זיי, און דאס איז נאך אן ענין וואס איז נכלל אינעם **'דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם'**, ווייל מען מיינט אז עס איז נישט געפערליך אויב מען וועט איבערהיפן די קרבנות, אבער **באמת זענען דאס זאכן וואס זענען עומדים ברומו של עולם, און מ'טאר נישט מזלזל זיין אין דעם!**

נאך א סיבה פארוואס מען איז מזלזל דערין איז, וויבאלד מען איז נישט מקפיד צו קומען צייטליך און זיך שטעלן דאווענען אינעם באשטימטן צייט. דאס איז גורם אז מען היפערט איבער די 'פארנט', און עס קומט ארויס נאך א פראבלעם, אז מען האט נישט ריכטיג אינזין דאס גאנצע דאווענען, ווייל מען יאגט זיך צו כאפן דעם ציבור.

**דער יצר הרע ווייסט אז אויב וועט מען קומען געהעריג צום דאווענען אין צייט, און מ'וועט אנהייבן מיטן ציבור וועט מען דאווענען מיט אסאך מער כונה, וועגן דעם מאכט ער אז מענטשן זאלן האבן אלע סארט מניעות און נישט זוכה זיין דערצו.** וועגן דעם דארף מען זיך מחזק זיין קעגן אים מיטן גאנצן כח צו קומען צייטליך צום דאווענען, ממילא וועט מען שוין דאווענען מיט מער כוונה, און מ'וועט קענען געהעריג אנקומען צום גאנצן סדר התפילה, אריינגערעכנט די קרבנות און עקידה.

לויט דעם פארשטייט מען וואס די **גמרא** זאגט (ברכות מג:) **'ואל יכנס אחרונה לבית המדרש משום דקרו ליה פושע'**, ווייל אז מען קומט שפעט צום דאווענען פארלירט מען די כוונה ביים דאווענען, און מ'דאווענט נישט אויפן סדר, דעריבער ווערט מען אנגערופן א 'פושע', ווייל מ'מאכט מיט די אייגענע הענט שאדן די כוונה ביים דאווענען.

## תפילה בדרך תחנונים

נאך א זאך אין וואס מענטשן זענען מזלזל, איז אז תפילה דארף זיין בדרך תחנונים, ווי דער **מחבר** פסק'נט (או"ח צח, ג): **'יתפלל בדרך תחנונים כרש המבקש בפתח ושלא תראה עליו כמשא ומבקש ליפטר ממנה'.** דער **משנה ברורה** שרייבט דארט אין ביאור הלכה, אז מ'דארף זייער געווארנט זיין אין דעם אז די תפילה זאל זיין בדרך תחנונים, ווייל לויט אסאך פוסקים איז מען נישט יוצא אויב איז עס נישט געווען אויף אזא אופן, און מ'דארף איבערדאווענען! און כאטש למעשה זאגט דער **פרי מגדים** אז מען זאל נישט איבערדאווענען אלס חשש פון א ברכה לבטלה, אבער אודאי לכתחילה דארף מען זיין געווארנט דערין.

און אויף דעם האבן **חז"ל** געזאגט **'דברים שעומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהן'**, ווייל מען רעדט דא פון אזא געוואלדיגע זאך וואס אויף דעם שטייט די וועלט, ווי די **משנה** זאגט (אבות א, ב) אז תפילה איז איינס פון די דריי עמודי העולם, אבער טאקע דערפאר איז זיך דער יצר הרע אזוי מתגבר אז מען זאל נישט אריינלייגן די ריכטיגע כוונה און כוחות ביים דאווענען.

## די חשיבות פון תפילת מנחה און מעריב

**נאך** א זלזול איז דא ביי מענטשן, אז כאטש מען ווייסט די גרויסקייט פון דאווענען איז מען בעיקר מחשיב תפילת שחרית, וואס איז א לענגערע תפילה ביז שמונה עשרה, מיט קרבנות, פסוקי דזמרה, ברכות קריאת שמע, און נאך שמו"ע זאגט מען תחנון, קריאת התורה, אשרי ובא לציון, וכו'. אבער מנחה/מעריב וואס זייער סדר איז קורצער אנערקענט מען נישט גענוג זייער חשיבות.

אבער באמת זענען אויך די תפילות פון מנחה און מעריב זייער הויעך, און אדרבה, די **גמרא** (ברכות ו:) זאגט: **'לעולם יהא אדם זהיר בתפלה המנחה שהרי אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה' וכו'.** זעט מען אז מנחה האט א ספעציעלע מעלה פון קבלת תפילות. ווייל מ'רעדט דאך דא פון אליהו הנביא, וואס אודאי האבן זיינע תפילות געשאקלט וועלטן!

אבער פונדעסטוועגן דאך איז ער נישט געענטפערט געווארן נאר ביי תפילת מנחה.

און **רבי יוחנן** איז מוסיף: **'אף בתפלת ערבית, שנאמר** (תהלים קמא, ב) **תכון תפלתי קטרת לפניך משאת כפי מנחת ערב'**, און הערשט נאכדעם קומט די דריטע, רב נחמן בר יצחק זאגט **'אף תפלת שחרית, שנאמר** (שם ה, ד) **ה' בוקר תשמע קולי בוקר אערך לך ואצפה'.**

זעען מיר דאך אז דייקא די תפילות וואס מענטשן זענען מער מזלזל דוקא דארט איז די מעלה גאר גרויס. און עס קען זיין אז טאקע וועגן דעם פארלייגט דער יצר הרע גרעסערע כוחות אז מען זאל עס נישט האלטן גענוג חשוב, און דאס איז גורם אז מען קומט אן שפעט, און אסאך מאל הייבט מען נישט אן מיטן ציבור, וואס דורכדעם פארלירט מען אויך די כוונה.

וועגן דעם דארף מען זיך ספעציעל מחזק זיין ביי די תפילות, און אריינלייגן דערין א ספעציעלע עבודה פונקט ווי ביי תפילת שחרית. ווי באקאנט האט **הרה"ק משינאווא זי"ע** געזאגט (י"ג אורות, פרק ג): **"ביי מעריב קען מען זיך אויסבעטן כל טוב אפילו פויגל-מילך".**

דעריבער דארף מען זיך מחזק זיין קעגן די אלע ענינים וואס מען איז מזלזל אין תפילה, און געדענקען איר געוואלדיגע חשיבות אז אויף איר שטייט די וועלט, און אז תפילה קען אונז ברענגען צו כל מילי דמיטב, און צוגיין צום דאווענען מיטן פולסטן ערנסטקייט, אז מען זאל ח"ו נישט זיין פון די 'בני אדם מזלזלין בהן'.

## אמונה אינעם כח התפילה

**אויך** דארף מען זיך מחזק זיין מיט אמונה שלימה אינעם כח פון תפילה וואס גייט ארויף אויבן, און טוט אויף גדולות ונצורות. אפילו מ'זעט נישט אלעמאל בחוש אז די תפילה האט אויפגעטון, דארף מען וויסן אז קיין איין תפילה גייט נישט פארלוירן, צומאל בלייבט עס אוועקגעלייגט אויף שפעטער, פאר אים אדער פאר זיינע דורות, און אפילו יעצט אויפן מינוט קען א מענטש נישט וויסן וויפיל זיין תפילה האט אויפגעטון, און וואס עס וואלט ווען געווען אנדעם.

**חז"ל** האבן דאך מתקן געווען ביי שמו"ע אז מען זאל זאגן ביי יעדע תפילה **'כי אתה שומע תפלת כל פה'** - קען דען זיין אז זיי זאלן אונז ברענגען צו א ברכה לבטלה?! נאר אודאי איז אמת ויציב אז יעדע איינציגסטע תפילה ווערט

המשך אויף עמוד ח'

### אַדִּיר וְחָזָק
ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

**ע"י תפלת מנחה הקב"ה גומל טוב לעמו**

לכך אנו מתפללים תפלת מנחה, שהוא לשון מתנה, על הטובות שעשה השם יתברך עמנו אע"פ שאין אנו שוים, וזהו מתנה גדולה, וזהו שאמר הכתוב ויצא יצחק לשוח בשדה לפנות ערב וישא עיניו וירא והנה גמלים באים, היינו כשאדם מתפלל תפילת מנחה, והנה גמלים באים, בוודאי הקב"ה גומל חסדים טובים לישראל וברכות על ישראל אמן. (קדושת לוי פ' חיי שרה)

### וַיַּשְׁמִיעֵנוּ
ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

**שעת מנחה רצויה לקבלות התפלות**

וצריך האדם ליזהר בתפלת המנחה הרבה מאד.. נראה שאותה שעה ראויה לענייה משעה אחרת, והטעם מפני שאותה שעה מתחלת לשלוט מדה"ד, ומי שיוכל לשלוט שיתגברו הרחמים על הדין, כחו גדול, ומפיקים לו רצונו וחפצו, כיון שהפיק רצון שמים בהתחננו אליו, ולעורר רחמים בזמן הדין וממלאים כל שאלותיו ונענה. (סדר היום)

# שיחות הוד בבתי גדולי הרבנים ואדמורי"ם שליט"א

## בעת כתיבת האותיות בספר תורה שנכתב ע"י קרן תוספות יו"ט

לע"נ מרן בעל תוספות יום טוב זי"ע ולזכות רבבות המקבלים
שלא לדבר בעת התפלה וקריאת התורה

## הרה"ג אב"ד סאטמאר מאנטשעסטער שליט"א







אַ הערליך שיינע באַזוך איז פאָרגעקומען אין מאנטשעסטער במעונו פון הרה"ג רבי יקותיאל יצחק פאללאק שליט"א - אב"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר, וואו דער רב שליט"א האָט זיך שטארק אינטערעסירט און ארויסגעהויבן די פעולות פון 'קרן תוספות יום טוב', און די חברי המשלחת האָבן מכבד געווען דעם רב אַריינצושרייבן אַן אות אין דער ספר תורה וואס ווערט געשריבן דורכן קרן לע"נ דעם הייליגן תוספות יו"ט זי"ע.

פאלגנד זענען ציטאטן פונעם שמועס:

הרב שליט"א התעניין בפרטי וסדר הקבלה קאמפיין'ס שנעשים מידי שנה ע"י הקרן, וכן בענין הספר תורה שנכתב לע"נ התוס' יו"ט זי"ע ולזכות כל המקבלים

**אחד מהגבאים:** איך האב געהאט א מורא'דיגע ישועה, א מורא'דיגע מעשה.

איך ווייס נישט צי דער רב באמערקט, איך בין דאך גבאי אין ביהמ"ד, אבער זאכן וואס האבן נישט קיין דירעקטע שייכות מיט גבאות ולצורך התפילה רעד איך נישט. איך האב זיך אונטערגענומען די קבלה און געזען א פלא'דיגע ישועה. איך האב פונקט געהאט געהערט א מעשה אויף א 'קו השגחה פרטית', וואו מען האט איבערגעשפילט א מעשה וואס איינער האט פארציילט אפאר יאר צוריק, פונקט האב איך עס געהערט דעמאלס, א מעשה מיט א גוטע בחור וואס האט געזוכט א שידוך, און יענער איז געהאלפן געווארן צוויי וואכן שפעטער נאך וואס ער האט זיך אונטערגענומען א קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען.

ס'איז געווען דאנערשטאג נאכט פר' יתרו וואס איך האב געהערט די מעשה. פרייטאג צופרי גיי איך אין ביהמ"ד, איך נעם ארויס א סידור און זיך געשטעלט ביים עמוד, און איך האב געזאגט פארן באשעפער אז איך נעם זיך אונטער די קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען לזכות פאר א שידוך פון מיין זון, און

איך האב געזאגט די מי שברך, מען זאגט דארט 'ויגדלם לתורה ולחופה'. צוויי וואכן שפעטער, דאנערשטאג תרומה האט מען געטרונקען לחיים!

(והראו להרב שליט"א הגליון החדש לתשב"ר 'שטענדערל', שי"ל מידי שבוע בשבוע ע"י קרן תוס' יו"ט, והעיקר המטרה של גליון הלז הוא שהילדים ילמדו פירוש המילות של התפילות, ויבחנו ע"ז - הרב שליט"א עי' בפירוש המילות על ברכה ראשונה של שמו"ע)

**אב"ד סאטמאר:** איך זע דא די טייטש אויף 'ק-ל עליון', אה! ער האט גאנץ גוט געטייטשט, מען מוטשעט זיך ארום וואס ס'טייטשט, מען קען נישט זאגן 'דער גא-ט פון אויבן' דער באשעפער איז דאך נישט נאר פון אויבן, ער איז פון אונטן אויך, דא איז עס גאנץ גוט געטייטשט.

**חברי המערכת:** ס'ליגט אסאך ארבעט אין דעם, ס'ליגט אין דעם קאפ און מח!

**אב"ד סאטמאר:** אזוי זע איך, ווייל סתם איינער וואס טראכט נישט די טיפקייט וועט טייטשן ק-ל עליון 'דער באשעפער פון אויבן', אבער דער באשעפער איז דאך פון אונטן אויך? - איך האב הנאה אז דאס איז גאנץ גוט געטייטשט. ס'קוקט אויס עפעס א טיפערע ארבעט. אזוי זע איך.

**חברי המערכת:** די זאך ווערט געפירט דורך ר' יואל לאנדא פון וויליאמסבורג. ער האט אמאל געשריבן אז אלס יונגל פאר שבועות האט זיין טאטע אים אויסגעלערנט די טייטש פון 'אהבה רבה', און דאס איז אים אריין אין די ביינער, און ער זעט פון דעם וואס עס מיינט אז מען קען די טייטש פון דאווענען.

**אב"ד סאטמאר:** שוין יארן וואס איך הער פון מיין טאטע אז ס'שטייט דאך אין 'תולדות' פ' וארא, אז טאמער מ'איז מאריך ביי אהבה רבה, ברענגט עס משיח. ס'איז דא אזא נסיון, יעדע שטיקל אין דאווענען, שבת ביי שחרית מנחה און מעריב איז דא א שטיקל וואס מ'קען מאריך זיין מיט חזנות. אהבה רבה, אויף דעם הערט מען נישט קיין שום בעל תפילה צי חזן וואס זאל צוגיין און אויסציען דעם שטיקל, ביי 'יוצר אור' קען מען אויסציען, אבער ביי אהבה רבה זעט מען די התגברות היצר אז מ'זאל נישט מאריך זיין.

דער רבי ז"ל פלעגט יא אויסציען אהבה רבה יעדע וואך שבת, די אהבה רבה האט געדויערט לאנג!

**חברי המערכת:** א יונגל וואס פארהערט זיך באקומט דעם שטענדערל אומזיסט אין פאסט!

**אב"ד סאטמאר:** מיין זון זאגט אז דער מלמד אין חדר פרינט ארויס זייער אסאך שטענדערלעך און טיילט דאס אויס. איר שיקט דאס קיין אייראפע?

**חברי המערכת:** ביזדערווייל איז עס נאר אין ניו יארק.

גלייך ווען ס'האט זיך אנגעהויבן האבן זיך די קינדער צוגעכאפט דערצו, און ס'האלט שוין ביי איבער פערציג טויזנט מעמבערס, די מנהלים זענען מורא'דיג פאר דעם, מען האפט ס'זאל אנקומען אויך דא בקרוב.

די וואך האבן אונז געהאט אן אינטערוויו מיט ר' מאיר שניצלער וועגן דעם רבי'ן אויפן יארצייט. אלעס איז ארום דאווענען. דער גאנצער גליון איז איבער דאווענען, אבער דער עיקר איז אז מ'זאל זיך אויסלערנען פירוש המילות, און אז מ'וועט וויסן וואס מ'דאווענט וועט מען שוין דאווענען!

**אב"ד סאטמאר:** דאס האב איך געטראכט, מ'מאכט א קאמפיין אז מ'זאל נישט רעדן ביים דאווענען, אבער ווען א מענטש ווייסט נישט וואס ער רעדט, איז די נסיון אסאך אסאך שטערקער. מ'דארף זאגן פאר א מענטש שטיי יעדן טאג א שעה צייט און זאג ווערטער

# אב"ד סאטמאר שליט"א (המשך)

וואס דו פארשטייסט נישט וואס ס'מיינט, ס'איז עפעס א פרעמדע שפראך, און דו טארסט נישט דעמאלס רעדן אויך נישט... ווען א מענטש ווייסט וואס ער רעדט מאכט עס די קבלה אסאך לייכטער, און ער באקומט אויך א געפיל פארן דאווענען, ער האט עפעס א שייכות מיטן אויבערשטן!

איך האב אמאל געזאגט פאר איינעם, אז ענדיגן גאנץ ש"ס ווען מ'פארשטייט נישט קיין איין ווארט איז אסאך שווערער ווי איינער וואס לערנט, ווייל איינער וואס לערנט פארשטייט אז ער טוט עפעס. אז מ'זאגט פאר איינעם, נעם להבדיל א ביכל פון פוליש און פאנג אן זאגן. נאך א צוויי בלעטער ווערט ער אויסגעמוטשעט, און ער טאר נישט רעדן דעמאלס אויך נישט.

'נקדישך' רעדט נאר פון סור מרע, אדער אויך פון עשה טוב? עשה טוב מיין איך צו פרעגן, נישט נאר אויף נישט רעדן, נאר מ'דארף הערן אז ווען מ'קומט אריין אין ביהמ"ד, אויסער וואס איך האב מיך אונטערגענומען אז איך גיי נישט רעדן אין ביהמ"ד, איז דא א פעולה פון עשה טוב אז איך פאנג אן צו פילן א געפיל פארן דאווענען.

**חברי המערכת:** דאס איז זייער שטארק געשטעלט אויף עשה טוב, זייט פסח האט מען אינגאנצן איבערגעמאכט דעם גליון, און אנגעהויבן שרייבן מאמרים אויף סדר התפילה, מען האט אנגעהויבן מיט תפילות שבת, אז מ'זאל פארשטיין פארוואס מען זאגט די קאפיטלעך און וואס עס ליגט אלס אין דעם, מען לייגט אריין טייטשן און סיפורים.

**אב"ד סאטמאר:** אה, צו פארשטיין די דערהויבנקייט פונעם דאווענען.

**חברי המערכת:** אזוי אויך איז דא שיינע מאמרים יעדע וואך, איין מאמר איז פון א חשוב'ער יונגערמאן אין סקווירא, ר' פינחס שפיטצער ני"ו, ער האט א שטארקע כח אראפצולייגן אן ענין אויף אן אופן וואס ס'זאל זיין נכנסים אל הלב. זיינע מאמרים זענען אפשר יא מער געבויט אויפן ענין פון 'מורא מקדש', אבער זייער אסאך מאל איז עס געשריבן אויפן עצם ענין פון דאווענען. ער איז א גבאי מורא מקדש שוין יארן לאנג דארט אין סקווירא, און ער טוט אסאך אויף. ער איז אבער קיינמאל נישט צופרידן און איז אלץ מוסיף פרישע רעיונות, אדאנק אים זענען שוין געווען אסאך קאמפיינס אויף נישט אריינברענגען קיין סעלפאָן'ס אין ביהמ"ד, און אויף נישט ליינען קיין גליונות ביים דאווענען. בעצם קומט זיך אים אסאך קרעדיט פארן גאנצן קרן תוס' יו"ט, ס'איז אלעס זיינע פירות.

נאכדעם איז דא יעדע וואך א מאמר אויף תפילה פון איינער פון די גרויסע מגידים, דאס איז אויך אויף ארויסצוברענגען די כח פון דאווענען און נישט אזוי ווייט אויף מורא מקדש. למשל די וואך איז דא א שיינע מאמר פון ר' שבתי' יודלעוויטש, יעדע וואך איז עס פון א צווייטער מגיד.

בכלל אפילו ווען מ'איז מעורר נישט צו רעדן איז דאס אויף א פאזיטיוו אופן, מיט מעשיות פון ישועות און דברי הסברה, דאס מאכט אז מען זאל דאס וועלן ליינען און ס'גייט אריין אין מח.

**אב"ד סאטמאר:** זייער גוט, זייער גוט.

**חברי המערכת:** די וואך שטייט דא א זיסע מעשה מיטן סטרעליסקער זצ"ל, אז א איד איז געקומען צו אים אלס גאסט, און געזאגט אז ער האט מורא'דיג הנאה געהאט, אבער איין זאך פארשטייט ער נישט, פארוואס דער סטרעליסקער שרייט ער אזוי ביים דאווענען, מען קען דאך זאגן די ווערטער רואיגערהייט.

פאר שבת האט ער געגעבן זיין בערזל פאר די רביצין צו באהאלטן, און מוצאי שבת האט ער צוריקגעבעטן דאס בערזל, האט זי געזאגט אז זי ווייסט נישט פון וואס ער רעדט. האט ער אנגעהויבן שרייען, האט זי געפרעגט: "וואס שרייסטו, קענסט דאך עס זאגן?"

דא אין מאונטשעסטער קומט אן די נקדישך?

**אב"ד סאטמאר:** יא, ס'קומט אן, מען זעט עס אין ביהמ"ד. ס'זענען דא וואס ברענגען עס ביי אונז אין קהילה.

**חברי המערכת:** די רבנים אין ניו יארק זאגן אז ס'טוט אויף א געוואלד.

**אב"ד סאטמאר:** ביי אונז רעדט מען נישט ביים ליינען, שוין וויפיל יאר, אפילו בין גברא לגברא!

**חברי המערכת:** אין סאטמאר בארא פארק האט דער דיין ר' חיים דוד כ"ץ שליט"א געמאכט איין יאר שובבי"ם א קאמפיין אין די קהילה, און צוויי הונדערט און פופציג אידן האבן אונטערגעשריבן א קבלה אז מ'וועט נישט רעדן ביים דאווענען, דעם קומענדיגן יאר סוכות האבן אלע מקבלים באקומען זייער קבלה שיין געמאכט אלס א נוי סוכה!

אחד מהגבאים: מ'קען עס אפשר מאכן ביי אונז אויך.

**אב"ד סאטמאר:** איך וועל נעמען די אות יו"ד, א יו"ד האט מער דיעות אז ס'איז נישט כשר יעצט, די אנדערע אותיות זענען שוין כשר. אה, 'שמע ה' קול יהודה'. דאס איז דאך ממש דאס.

(וכתב אות בהספר תורה)

**חברי המערכת:** דער סיגוט'ער רב שליט"א (הרה"ג רבי יעקב דוב ט"ב שליט"א, אב"ד סיגוט ב"פ) האט אונז דערציילט, אז נאך קאוויד, ווען די בתי מדרשים האבן זיך צוריק געעפנט, האט מען געקענט מאכן פרישע תקנות, האט ער דעמאלס ביי אים אין שול אויפגעהערט מאכן די מי שברך'ס בין גברא לגברא, כדי מ'זאל נישט רעדן. און ער האט אנגהויבן מאכן די מי שברך פונעם תוס' יו"ט יעדע וואך.

**אב"ד סאטמאר:** איך טראכט אז ס'קען זיין אז ס'האט א שייכות 'נקדישך' מיט א 'ספר תורה', די גמרא זאגט אין מסכת עירובין דף ס"ד, אז א גר האט דאך נישט קיין קרובים, און ווען ער שטארבט קען יעדער איינער קומען און נעמען, ס'ווערט הפקר, און טאמער איינער האט זוכה געווען אין נכסי הגר, זאגט די גמרא אז ס'איז א לייכטע פארדינסט, אזוי ווי א לאטערי. זאגט רש"י, א לייכטע פארדינסט איז א זאך וואס האלט זיך נישט, צי אלס 'עין הרע' צי אלס אנדערע זאכן, א לייכטע פארדינסט האלט זיך נישט. זאגט די גמרא, וואס זאל ער טון אז ס'זאל זיין א סימן ברכה? 'ילוקח ספר תורה' - ער זאל קויפן א ספר תורה! דאס איז א סגולה אז די נכסים וואס ער פארדינט לייכטערהייט זאלן זיך האלטן. די גמרא איז אין נאך צוויי פלעצער אין ש"ס, אין ב"ק און אין ב"ב דף נב. שטייט אויך אז איינער האט געלט פון א קטן און ער וויל ס'זאל בלייבן א גוטע אינוועסטמענט, זאל ער קויפן א ספר תורה.

ס'קען זיין, אז א איד נעמט זיך אונטער א קבלה טובה, ווער זאגט אז ס'גייט זיך האלטן? די גמרא זאגט אין מסכת סנהדרין כ"ו, אז א איד זאגט 'איך גיי עפעס טון', רוב מאל ארבעט זיך עס נישט אויס, מ'דארף האבן אן עקסטערע סייעתא דשמיא אויף דעם. נישט נאר אויף מילי דעלמא, נאר אפילו אויף לערנען תורה, זאגט רש"י איין מהלך, אז טאמער איינער זאגט 'איך גיי מאכן א שיעור פון היינט און ווייטער, איך וועל לערנען אזוי סאך און אזוי סאך', זאגט רש"י 'המחשבה מועלת' - די מחשבה שאדט.

קומט אויס פון די גמרא, אז א איד נעמט זיך אונטער אז ער גייט עפעס טון, מיינט עס נישט אז ס'גייט זיך אויסארבעטן. אבער טאמער מאכט מען א ספר תורה, איז די סגולת התורה מאכט אז ס'זאל זיך קענען האלטן. ס'ווערט אנגערופן א 'סגולה', אזוי ווי די גמרא זאגט אין ב"ב נב. אויף די נכסי הגר "יעשה סגולה', עפעס האט די ספר תורה א סגולה אז ס'זאל זיך האלטן.

איינער פון די ראשונים, דאכט זיך דער מאירי, פרעגט, פארוואס פונקט א ספר תורה? זאגט ער, אז א ספר תורה העלפט פארשטיין אז מ'דארף זיך פארלאזן אויפן אויבערשטן, און זיך נישט פארלאזן אויף 'כוחי ועוצם ידי'. ממילא, אז ער פארדינט געלט, מאכט ער א סגולה אז ער זאל זיך נישט נאר פארלאזן אויף די כוחי ועוצם ידי פון די געלט, נאר ער זאל וויסן פון דעם 'נותן התורה', אז עס האט א שייכות מיטן אויבערשטן.

ממילא איך מיין אז מ'האט דא צוויי זאכן. סיי א איד מאכט א קבלה 'איך גיי נישט רעדן ביים דאווענען', ווער זאגט אז ס'גייט זיך האלטן, די גמרא זאגט דאך 'המחשבה מועלת', אויף דעם העלפט א ספר תורה.

צווייטנס, אזוי ווי איך האב פריער געזאגט, נישט צו רעדן ביים דאווענען ווען מ'ווייסט נישט וואס דאווענען איז, איז זייער שווער. א ספר תורה ברענגט אז מ'טראכט שוין אז ס'איז דא עפעס אן אויבערשטער אויפן וועלט, און צו אים דאווענט ער, ממילא רעדט ער שוין נישט ביים דאווענען ווייל ער האלט דאך אינמיטן רעדן צום אויבערשטן, איז די נסיון שוין נישט אזוי גרויס.

**חברי המערכת:** אונז האבן שוין געהערט אסאך פשטים אויף דעם קשר פונעם ספר תורה, אבער דאס איז א שיינע פשט, א נייער חידוש!

נעכטן האט א רב גערעדט וועגן 'שרייבן' א קבלה, האט ער אונז געזאגט, פארוואס דארף מען שרייבן א קבלה, וואס איז נישט גענוג א קבלה בלב אדער בעל פה?

**אב"ד סאטמאר:** ס'שטייט דאך שוין אין מנחת יצחק ביי היתר עיסקא, פארוואס דארף מען 'שרייבן' א 'היתר עיסקא'? זאגט ער, אז אויב מ'שרייבט נישט, מיינט מען עס נישט ערנסט. אז מ'מאכט א שטר ווייזט עס אז מ'מיינט עס ערנסט.

**חברי המערכת:** יענער רב האט געזאגט זייער ענליך, פארוואס בעטן מיר ביים דאווענען 'כתבנו, חתמנו', נאר אז מ'שרייבט איז דאס שטערקער.

**אב"ד סאטמאר:** מסיר אזנו משמוע תורה גם תפילתו תועבה, קומט אויס אז די תורה העלפט אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן. דער זכות זאל מגין זיין, ברכה מרובה און אסאך הצלחה.

## קריאת שמע אונטער דער ערד

**ביים** ענדע פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען דער בעלזא'ער רב זי"ע איז געווען אויפן באן, אויפן וועג צוריק פון מונקאטש קיין האלאשיץ, האט ער געבעטן פון די גבאים, אז ווען די באן פארט אריין אינעם אונטער-ערדישן טונעל זאל מען אים מודיע זיין. עס איז געווען א וואונדער ביי די משמשים פארוואס עס איז וויכטיג פארן רבי'ן צו וויסן ווען דער באן פארט אריין אינעם טונעל.

ווען דער באן איז אריינגעפארן אינעם טונעל האט מען אים געזאגט אז מען געפינט זיך שוין אינעם טונעל. דער בעלזא'ער רב האט זיך פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות, און אנגעהויבן ליינען 'קריאת שמע' הויעך אויפן קול.

די גבאים האבן זיך דערנאך געטרויעט צו פרעגן דעם רבי'ן דעם באדייט פון דער גאנצער געשעעניש. האט זיי דער רב ערקלערט: "דער בורא כל עולמים איז דער מלך אויף די הימל און ערד, בשמים ממעל ועל הארץ מתחת, לית אתר פנוי מיני', און מיר דארפן ממליך זיין דעם רבונו של עולם איבער דער גאנצער וועלט. אין הימל זענען דא מלאכים וואס זענען מקבל עול מלכות שמים; אויף דער ערד זענען די אידישע קינדער מקבל עול מלכות שמים, אבער אונטער דער ערד - ווער איז דארט מקבל עול מלכות שמים? **דערפאר אז איך האב געוואוסט אז איך וועל זיין אונטער דער ערד, האב איך געוואלט דעמאלס מקבל זיין עול מלכות שמים און ליינען קריאת שמע, אז מען זאל האבן ממליך געווען דעם אויבערשטנ'ס נאמען אפילו אונטער דער ערד".**

## תחנון מאכט לעבן

**עס** איז געווען א איד וועלכער האט געהאט א קרעטשמע וואו ער האט פארקויפט בראנפן פאר גויים. אבער כדי נישט צו פארלירן קיין געלט האט ער איינגעפירט אז מען מוז באצאלן נאך איידער מען טרינקט, אזוי ארום וועלן די גויים נישט האבן קיין תירוץ נאכן טרינקען אז זיי האבן נישט קיין געלט צו באצאלן.

איינמאל האט דער איד געדארפט אוועקפארן, האט ער געבעטן זיין פרוי זי זאל שטיין אין געשעפט און סערווירן די גויים. איין טאג איז אריינגעקומען א גוי, און זיך גאר שטארק איינגעבעטן אז ער וויל בראנפן נאך איידער'ן באצאלן, און ער וועט שוין באצאלן שפעטער. די פרוי האט זיך געלאזט און אים געגעבן צו טרינקען.

דער גוי האט געטרונקען און געטרונקען, און כסדר געבעטן נאך בראנפן, צוזאגנדיג אז ווען ער וועט ענדיגן וועט ער אלעס באצאלן. ווען עס איז געקומען צום באצאלן האט ער געזאגט אז ער האט נישט קיין געלט. פון גרויס אויפרעגעניש און צער האט די פרוי עפעס געוואָרפן אויף דעם גוי, און ער איז געשטארבן אויפן פלאץ.

די פרוי האט זיך גאר שטארק דערשראקן, האט זי תיכף פארשפארט דעם געשעפט, און געווארט אז איר מאן זאל אהיימקומען.

ווען ער איז אהיימגעקומען האט זי אים פארציילט וואס דא האט פאסירט, און זי האט אים געבעטן צו גיין צום בעלזא'ער רב בעטן א ישועה פון דער גרויסער צרה.

ווען דער איד האט דערציילן פארן צדיק די מעשה האט דער בעלזא'ער רב געזאגט: **"פּאָר אהיים, שטעל זיך דאווענען מנחה אין געשעפט, און תחנון זאלסטו זאגן מיט א ספעציעלע שטארקע כוונה".**

דער איד האט אזוי געטון, און ווען ער האט געהאלטן ביי תחנון האט זיך דער טויטער גוי אויפגעהויבן, ארויס פון געשעפט, און געגאנגען עטליכע גאסן ווייטער, וואו ער איז אראפגעפאלן און געשטארבן. אזוי ארום איז קיינער נישט איינגעפאלן אז זיין שטארבן האט עפעס צו טון מיט דעם קרעטשמער.

ווען דער איד איז געקומען צום בעלזא'ער רב דערציילן דעם נס און זיך באדאנקען, האט ער געפרעגט דעם צדיק: "אויב תחנון איז אזוי הייליג און חשוב, און פארמאגט אין זיך אזא שטארקן כח, פארוואס איז די וועלט אזוי מזלזל אין דעם און מען פרובירט זיך ארויסצודרייען פון עס זאגן?"

האט דער צדיק געזאגט מיט א שמייכל: "וואס ווילסטו אז אלע גויים זאלן אויפשטיין לעבעדיג?".



## דער אפיציר ביי תשליך

**בשעת** די ערשטע וועלט-מלחמה ווען דער בעלזא'ער רב האט געוואוינט אין שטאט ראצפערט איז ער ארויסגעגאנגען ראש השנה פארנאכטס צו זאגן 'תשליך' ביים טייך. צווישן די פילע חסידים זענען אויך געווען בחורים וועלכע האבן זיך געהאט אויסבאהאלטן פון מיליטער דינסט.

אויפן וועג צו תשליך איז אנטקעגנגעקומען א הויכער מיליטערישער אפיציר, און עס האט יעדן געכאפט א שרעק אז ער זאל נישט באמערקן די בחורים וועלכע באהאלטן זיך אויס פונעם מיליטער, וואס דאן קענען זיי אלע זיין אין א סכנה אינאיינעם מיטן רבי'ן וועלכער העלפט אויסבאהאלטן די בחורים.

דער אפיציר האט זיי באמערקט און האט געפרעגט: וואו מען גייט און וואס טוט מען דא?

איז דארט געווען א חסיד, הרה"ח ר' ישראל משה מאנדל ע"ה פון טעגלאש, און ער האט מיט גרויס חכמה זיך אנגערופן צום אפיציר: **"אזוי ווי ס'איז שוין א לענגערע צייט וואס עס גיסט זיך בלוט אין די גאנצע וועלט צוליב די מלחמות, גייט דער ראבינער צום טייך וואסער און ער בעט, אז דער באשעפער זאל שוין העלפן און ראטעווען די וועלט".**

דער גוי איז זייער באאיינדרוקט געווארן, און ער איז אויך מיטגעגאנגען צו תשליך, וואו ער האט געזען די תפילות פונעם הייליגן בעלזא'ער רב און דעם גאנצן ציבור, וואס האט אים זייער באנומען און ער האט זיך אונטערגענומען פון דעמאלס אן צו טון אסאך טובות פאר אידן!

## אויסבעטן יראת שמים

**איין** יאר ביים סדר-נאכט האט דער בעלזא'ער רב זי"ע געזאגט, אז ביים פסוק 'יוסף ה' עליכם' איז א סגולה צו בעטן אז מען זאל זוכה זיין צו יראת שמים, און ער האט געזאגט בזה הלשון: "א איד קען זיך דענסמאל אויסבעטן יראת שמים פאר זיך און די קינדער און די קינד'ס קינדער".

אויך פלעגט ער זאגן אז ביי די ברכה פון 'גאל ישראל' ביים סדר-נאכט איז גאר א געהויבענע צייט זיך אויסצובעטן ישועות.

# מִשְׁאֲלוֹתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

## מאריך זיין ביים מי שברך

**שאלה: צי איז דא אן ענין צו מאכן א 'מי שברך' נאכן עולה זיין צו דער תורה, און אויסרעכענען די נעמען פאר וועם מ'מאכט די 'מי שברך', אדער איז בעסער איינזין צו האבן ביי 'וכל הקהל הקודש' וכו', און נישט מאריך זיין.**

**תשובה:** דער ענין צו מאכן א 'מי שברך' איז, ווייל ביי קריאת התורה איז א גרויסער עת רצון, ווי עס שטייט אין זוהר הק', אז בשעת קריאת התורה חזר'ט זיך איבער דער 'מעמד הר סיני', דערפאר וואונטשט מען ברכות פאר דער וואס האט עולה געווען.

די פוסקים ברענגען אבער, אז מ'זאל נישט מאריך זיין מיט די מי שברך, אלס טירחא דציבורא, און אלס זלזול אינעם ליינען און אין קדושת בית המדרש, ווי די מציאות איז, אז ווען מ'הייבט אן רעכענען אסאך נעמען קומט מען צו צו שמועסן בין גברא לגברא און ארומלאכן וכו', און דאס איז ח"ו גורם דאס פארקערטע פון א ברכה.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן 2#

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

המשך פון עמוד ב׳

מיר האבן פרובירט פארשידענע מהלכים און שתדלנות וואס זאל אונז שענקען לעגאלע באווייז אז אלעס איז הונדערט פראצענטיג אויסגעהאלטן לויטן געזעץ, אבער מיר האבן געטאפט א וואנט.

עד שבא ממחרת ו׳ אלול תשפ״ד. איך טרעף דא מיין שותף אויף די גאס, און איך פרעג אים אזוי מסיח לפי תומי, וואו אונזער אינוועסטמענט האלט, צי ס׳האט זיך לעצטנס געגעבן עפעס א ריר.

צו מיין אומגעהויערער שאק ענטפערט ער מיר נישט מער און נישט ווייניגער: ״אה, מיר האבן געהאט א ישועה! איך האב דיך פרובירט רופן נעכטן, אָבער דיין טעלעפאָן איז נישט דורך צוליב וואָס ביסט געווען אין אויסלאַנד!״

דערציילט ער מיר מיט פרייד און עקסטאז, אז טאקע נעכטן, בשעת איך בין געווען אין קראקא ביים תוספות יו״ט זי״ע, האט ער ערהאלטן אן אימעיל פון די אינסטאנצן, אז זיי זעען אז די זאַך ציט זיך שוין צו לאַנג דאָ. זיי ווילן אראפקומען אויף די פראפערטי, און די שנעלסטע וואס מעגליך קאמפליט פארענדיגן אלעס וואס פעלט זיך נאך אויס, און זיי ווילן אונז העלפן באקומען די פערמיטן, און פאַרענדיגן די זאַך אַז אַלעס זאָל קלאַפּן!!!

איך האב פשוט נישט געקענט גלייבן וואס איך הער, אבער אזוי האט פאסירט אין דער וואָרהייט. איך האב אים איבערגעפרעגט די דעטאַלן, און ער ווייזט מיר שווארץ אויף ווייס אז יא, דאס איז וואס זיי שרייבן אין זייער אימעיל! דברים כהווייתן!

און דא שטיי איך יעצט מיט די פּענע אין דער האנט, אפשרייבנדיג פאר אייך די וואונדערליכע געטריפלטע ישועות-קייט וואס איך האב געזען עין בעין, בזכותו הגדול פונעם הייליגן תוספות יו״ט זי״ע, און בזכות די אלע קבלות און התעוררות בענייני תפילה וואס רבבות אלפי ישראל איבער דער גארער וועלט האבן זיך אונטערגענומען אין אט-דעם יום מסוגל.

אשריכם, וואויל איז ענקער חלק, אז איר האט צוגעברענגט אז כלל ישראל זאָל זוכה זיין צו אזא צינור הישועות! איר זאלט האבן די זכי׳ צו גיין ווייטער מער און מער!

*

## מַשְׁמִיעִים קול

מגידים מפורסמים משמיעים קול בגודל כח התפלה וסגולתה

המשך פון עמוד ד׳

געהערט, נאר מיר ווייסן נישט אלע חשבונות וויאזוי מען פירט אונז פון הימל.

דער מענטש דארף ארייננעמען אין זיך, אז **ביי יעדע זאך און געשעעניש אין זיין לעבן, קליין אדער גרויס, ברוחניות ובגשמיות, האט ער אן אחד יחיד ומיוחד צו וועם זיך צו ווענדן!**

היינט צוטאגס זוכט יעדער סגולות; מ׳גייט צו חכמים וואס זענען בקי אין חכמת היד והפרצוף פאר א ישועה, אבער מיר זאגן דאך יעדן טאג: **׳כי קל פועל ישועות אתה!׳** איז פארוואס גייט מען צו אזעלכע מענטשן וואס ס׳איז א ספק צי זיי קענען העלפן, מיר האבן דאך דעם פועל ישועות אליינס, וואס ער איז דער תקיף ובעל היכולת כולם, ער העלפט זיכער!

צו אים קען מען אלעמאל בעטן, און ביים אויבערשטן איז נישט דא אזא מציאות אז ׳יעצט איז נישט דא קיין קאנעקשאן...׳, אלעמאל הערט ער די תפילה פון יעדן איד און ער העלפט.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז יעדער זאל שטייגן אין עבודת התפילה, בכל תנאיה ופרטיה, און מיר זאלן זיך ריכטיג קענען אויסגיסן דאס הארץ פארן אויבערשטן, און יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס ער דארף, אמן.

## זֶה לָזֶה

מכתבים • הערות • והארות

### ווײַן נישט!

**אל** מע״כ מערכת ׳נקדישך׳.

איך זע ווי אידן שרייבן כסדר פון גרויסע געוואלדיגע ישועות וואס זיי האבן. עקסרעיס, שידוכים, געהיילט פון מחלות, און אזוי ווייטער. איך וויל אייך אבער דערציילן פון א ׳קליינעם פראבלעם׳ וואס איך האב מיך ארויסגעזען ב״ה אין זכות פון מיין קבלה.

איך האב זיך געמוטשעט מיט אַ קליין קינד וואס האט געהאלטן אין איין וויינען, אבער אויף אן עקסטרעמען אופן. קיין איין ׳בעיביסיטער׳ האט איר נישט געוואלט אננעמען, און אפילו אינדערהיים האט מען זיך זייער שווער אן עצה געגעבן דערמיט. מען האט נישט געהאט קיין מנוחה בייטאג און ביינאכט איז געווען א בחינה פון ׳לילה כיום יאיר!...׳ טאטע/מאמע האבן געמוזט אויפזיין גאנצע נעכט, אז מ׳איז פשוט געווארן אפגעשוואכט דערפון.

ברוך ה׳, מ׳רעדט זיך נישט אפּ, ס׳איז דא א פארצייטיש ווארט ׳אויף אלע עקרות, אזעלכע צרות...׳אבער דאך, ס׳איז נישט גרינג געווען. ס׳האט מורא׳דיג אפגעמוטשעט.

מ׳האט ב״ה געטראפן איין בעיביסיטער וואס האט געזאגט, אז פאר א פעריאדע פון ׳דריי טעג׳ קען זי אויספרובירן אויב זי קען אננעמען דאס קינד.

האב איך געטראכט צו מיר, ׳מיר מוטשען זיך אזוי ארום, איך קריך נישט ארויס דערפון. לאמיר טון א זכות אז מ׳זאל זיך ארויסזען פונעם פראבלעם׳.

דא ביי אונז אין שיכון סקווירא הערשט אין די יעצטיגע תקופה ספעציעל א געוואלדיגע התעוררות אין קדושת בית המדרש און עבודת התפילה, נאכדעם וואס בליל א׳ סליחות בעת מעמד פתיחת שערי בית המדרש הגדול והחדש, האט כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א מסקווירא מעורר געווען אז מ׳זאל מקבל זיין קבלות טובות בעניינים אלו.

איך האב געזען אין ביהמ״ד מודעות איבער די ספעציעלע מבצע, אז פאר צען טעג זאל מען נישט האבן דעם סעלפאן ביים דאווענען. מ׳זאל זיך אונטערנעמען א קבלה טובה אין קדושת ביהמ״ד והתפילה, און איך האב גענומען אויף זיך די קבלה.

ב״ה, וואונדער איבער וואונדער! די בעיביסיטער האט גערופן זאגן אז די בעיבי איז אסאך בעסער. ב״ה דערווייל קען זי איר ווייטער אנהאלטן. ממש אותות ומופתים! דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער.

און אגב, לגבי דאס דאווענען אליין, האב איך געהאט די גרעסטע ישועה!

איך זע א ריזן חילוק אין וויאזוי מיין דאווענען קוקט אויס! איך פלעג אויסלעשן מיין סעלפאן, און אינמיטן ׳עלינו׳ צי אינמיטן תהלים האט מען עס שוין אפשר אנגעצונדן זען אויב איינער האט גערופן... דער נייגער ציט געפערליך, און מ׳קען זיך נישט איינהאלטן. דער מח האט אהינגעפירט. אָבער יעצט אז עס איז נישט דא איז מען מסיח דעת דערפון אינגאנצן. ס׳איז א מורא׳דיגע זאך!

זאל אייך דער רבוש״ע געבן כח ווייטער מזכה צו זיין און מעורר זיין כלל ישראל אויף אזא געוואלדיגן אופן. איר קערט איבער די וועלט לטובה, אשריכם אשריכם!

ח. פ. ג. - שיכון סקווירא

מי שברך שחיבר מרן בעל תוס׳ יו״ט זיע״א

**מִי שֶׁבֵּרַךְ** אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה וְאֵיזֶה דִיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org